# פרשת ויצא ג׳ - ט׳ כסלו תשפ״ב לפ״ק

*יום ראשון פרשת ויצא*

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **אברהם יצחק קיש** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **ליפא פריעדמאן** הי״ו, ושל בן הר״ר **הערשל פאלל** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה די לידה פון די שבטי י-ה, כמעט אלע שבטים זענען אויסגערעכנט די וואך אין די פרשה אז זיי זענען געבוירן געווארן. ווען גד איז געבוירן געווארן, שטייט אין פסוק (בראשית ל-יא) אז לאה האט געזאגט בגד, ותקרא את שמו גד. אין רש״י איז דא מערערע פשטים וואס דער בגד איז. איינע פון די פשטים איז, אז גד ווייזט אויף מילה. גד איז א לשון פון גדו אילנא (דניאל ד-יא), שניידען ווערט אנגערופן גד. בא גד, ער איז געבוירן געווארן גע׳מל׳טערהייט, ער איז געקומען אויף די וועלט שוין גע׳מל׳ט. אז מען האט אים א נאמען געגעבן גד, איז א סימן אז עס ליגט עפעס א מעלה דערין. וואס איז די מעלה אז ער איז געבוירן געווארן גע׳מל׳טערהייט. אפשר איז גאר א מעלה אז מען ווערט געבוירן א ערל, און מען איז אליין מקיים די מצוה, מען טוט מכניס זיין דעם קינד בבריתו של אברהם אבינו. אפשר איז דאס חשובער ווי א מענטש האט גארנישט געטון, און ער איז אזוי באשאפן געווארן. אויב דער אייבערשטער האט געוואלט אז מען זאל באשאפן ווערן גע׳מל׳טערהייט, האט ער עס געקענט טון מעיקרא. איז דאך דער טייטש, אז עס איז דא א חשיבות וואס א מענטש מל׳ט זיך. און פון דעסטוועגן דאך געפונט מען, אז עס איז א מעלה אז מען איז א נולד מהול. אין מדרש (ב״ר פד-ו, תנחומא נח ה) איז דא אויף די אבות און אויף אנדערע, אז מען רעכנט עס אויס אלץ א מעלה אז ער איז געקומען אויף דער וועלט גע׳מל׳טערהייט.

**איך** האב געטראכט, עס קען זיין, די גמרא (נדה ל:) זאגט, ווי חשוב עס איז די ניין חדשים וואס א קינד איז במעי אמו. עס איז נר דלוק על ראשו, ורואה מסוף העולם ועד סופו, ער זעהט פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. א מלאך זיצט און לערנט מיט אים כל התורה כולו, ווען ער קומט אויף די וועלט פארגעסט ער עס טאקע, אבער אויף די צייט וואס ער איז דארט, זאגט די גמרא, מי יתנני ירחי קדם (איוב כט-ב), מען וואונטשט זיך אז מען זאל קענען האבן די חדשים, וואס מען האט געהאט במעי אמו.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה שטייט ביי רבקה, ויתרוצצו הבנים בקרבה (בראשית כה-כב), ווען זי איז אדורכגעגאנגען על פתחי עבודה זרה, עשו מפרכס לצאת, על פתחי בית המדרש, איז יעקב מפרכס לצאת. און זיי פלאגען זיך אלע דארט, מילא עשו איז מפרכס לצאת, ער וויל גיין על פתחי עבודה זרה, און דאס האט ער נישט במעי אמו. אבער וואס איז דער יעקב מפרכס לצאת, ער זיצט און לערנט תורה מיט א מלאך און ער קען כל התורה כולו, וואס איילסטו דיך צו גיין אין בית המדרש. די וועלט זאגט, אז ער האט נישט געוואלט גיין אין איין חדר מיט עשו. אז עשו איז דארט, דארף ער נישט אזא תורה. ער דארף א תורה וואס ער זאל קענען גיין אין בית המדרש, לערנען ערליך. - על כל פנים, עס איז א געוואלדיגע מעלה אין לימוד התורה, וואס א קינד לערנט במעי אמו.

**פון** די אנדערע זייט, האט עס אבער א חסרון. ער לערנט תורה אלץ ערל, און כדי מען זאל זוכה זיין צו תורה, דארף מען זיין גע׳מל׳ט. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה) מגיד דבריו ליעקב (תהלים קמז-יט), ווער עס איז נימול אזוי ווי יעקב, דער קען זוכה זיין צו תורה. איינער וואס איז נישט גע׳מל׳ט קען נישט האבן א השגה אין תורה. קומט דאך אויס לכאורה, אז די תורה וואס מען לערנט במעי אמו, האט אין זיך א געוויסע חסרון, אז ער לערנט תורה בשעת ער איז א ערל. ער האט טאקע נישט קיין דין פון א ערל, אזוי שטייט אין די גמרא (יבמות עא.), אז ערלה שלא בזמנה, ווילאנג מען ווערט נישט מחוייב זיך צו מל׳ן, האט עס נישט דעם דין פון א ערל. וכל ערל לא יאכל בו (שמות יב-מח) גייט נישט אן דערביי, אבער סוף כל סוף די מעלה פון מילה, האט ער דאך אבער אויך נישט. ער איז דאך נישט גע׳מל׳ט, סוף כל סוף איז ער דאך א ערל, פעלט אין שלימות פון די

תורה וואס ער לערנט. וועגן דעם פארגעסט מען די תורה ווען מען קומט אויף די וועלט, ווייל דאס איז א תורה וואס ער האט געלערנט אן קדושת המילה.

**אבער** איינער וואס איז נולד מהול, קומט אויס אז ער האט די מעלה, אז ווען ער האט געלערנט די תורה פון א מלאך במעי אמו, האט ער געלערנט תורה ווען ער האט געהאט אויף זיך קדושת המילה פאר דעם אויך. דאס איז די מעלה פון נולד מהול, אז זיין תורה וואס ער האט געלערנט ביז יעצט, איז א תורה וואס איז געלערנט געווארן בקדושה.

**וועגן** דעם ווען גד איז געקומען אויף די וועלט, האט מען געזאגט בא גד, ער איז געקומען נימול. און אויף דעם האט מען א נאמען געגעבן גד, אויף די מעלה אז זיין תורה וואס ער האט געלערנט, איז געלערנט געווארן אויף אזא וועג, וואס עס האט געהאט אויף זיך קדושת המילה.

**די** גמרא (שבת קד.) זאגט, אז עס זענען געקומען דרדקי און זיי האבן געלערנט די א' ב', זיי האבן גע'דרש'נט אזעלכע דיבורים וואס מען האט נישט געהערט מימות יהושע בן נון. א' ב' ג' ד', האבן זיי גע'דרש'נט, א' ב' דאס איז אלף בינה, לערנען תורה ווערט אנגעופן א' ב'. ג' ד' דאס איז גמול דלים, דאס איז טון חסד. האט מען געזאגט בא גד, 'בא' איז א' ב', די אלף בינה, די תורה וואס ער האט געלערנט במעי אמו, איז בא גד, ער איז שוין געקומען מיט א תורה וואס איז געלערנט געווארן אלץ נולד מהול, און די תורה האט מען מחשיב געווען.

**וועגן** דעם ווען דער אייבערשטער העלפט און מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, זאגט מען פאר דעם קינד, אמת דו האסט שוין געלערנט די גאנצע תורה, אבער עס האט דיר געפעלט די קדושה פון מילה. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען האט דיר מכניס געווען בברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, יעצט זאל ער זוכה זיין איבערצוגיין די תורה וואס ער האט געלערנט ביז יעצט ווען עס האט געפעלט די קדושת הברית, זאל ער יעצט קענען זוכה זיין און לערנען תורה מיט קדושת המילה.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגאון הגדול רבי שאול אלתר שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הגר"ש שאל בשלום רבינו ואמר:** המקבל פני זקן כאילו מקבל פני השכינה (תנחומא תשא כז).

**רבינו:** דאס דארף איך זאגן.

**הגר"ש:** יארן האט זיכער דער רב מער, ביי מיר איז נאר דא בר אבהן.

**רבינו:** עס איז גארנישט אזוי פשוט צו א בר אוריין איז קודם, צו א בר אבהן איז קודם, צוביידע צוזאמען (עיין מנחות נג.).

**הגר"ש:** היינט הייסט יעדער הגאון הגדול, דער רב איז דאך נאך פון יענע וואס האבן געזעהן אנדערע סארט גדלות'ן.

**רבינו:** איך בין געווען ביים בית ישראל תשכ"ו, דריי יאר שפעטער האט מיין ברודער (**הגה"צ אב"ד תו"א ווממסב"ג**) ז"ל חתונה געהאט קיין תולדות אהרן, איז ער געקומען צום תולדות אהרן רבי אין שטוב, אויף א שבע ברכות. אן א עולם, אפשר איין גבאי איז מיטגעקומען.

**הגר"ש:** מיט רבי חנינא (שיף ז"ל) מן הסתם. אויף די ערטער פלעגט ער גיין אזוי.

איך האב געפרעגט שבת א שאלה. עס שטייט, ווי אזוי האט עשו געקענט פארקויפן די בכורה, עס איז דאך א דבר שלא בא לעולם. זאגט דער **רא"ש** (הובא **בשו"ת ריב"ש** סימן שכח), אז ער האט געשוואוירען, און אויב מען שווערט איז עס יא חל. עשו איז דאך געווען א חשוד, איז עס מן הסתם געווען א פסול'ע שבועה. אוודאי אז ער שווערט, איז עס א שבועה. אבער איז עס גענוג? א חשוד על השבועה, קען אויך פארקויפען א דבר שלא בא לעולם? ביי אים איז די שבועה, עס גייט לייכט ארויס פון מויל, עס מאכט אים נישט אזא סארט גמר דעת. אבער עס שטייט נישט קיין חילוק.

**רבינו:** וואס האט מען געזאגט.

**הגר"ש:** מען האט דן געווען צו אפשר האט מען נאכנישט געוואוסט אז ער איז א חשוד, ווייל אברהם אבינו איז נפטר געווארן כדי ער זאל נישט הערן, עס איז נאכנישט ארויס אינדרויסן (שיצא עשו לתרבות רעה). - אפילו פון עשו קומט אויך ארויס, פון יעדע זאך אין די תורה לערנט מען.

**רבינו:** איך האב געזעהן אין (גליון) 'בנאות דשא' (פ' תולדות) צוברענגען פונעם **פני מנחם** [על דברי האמרי

**אמת ז"ע**, ששאל על לשון רש"י ויעתר לו ה', נתפצר ונתפייס ונתפתה לו, וכי לשם מה נגזר מן השמים שיהיה צריך יצחק אבינו לבקש כל כך הרבה. וביאר בדרך משל לילד שמבקש מאביו מיני מתיקה למאכל, ואביו מסרב ליתן לו לפי שיודע שיזיק לו ואינו טוב עבורו, אולם כשהילד מפציר מאוד מתגוללים רחמיו ונותן לו מבוקשו אף על פי שיודע שיזיק לו. כן היה כאן, דאיתא ברש"י (כה-ל) שאברהם אבינו היה צריך לחיות ק"פ שנה, אלא שנתקצרו שנותיו ה' שנים כדי שלא יראה את עשו בן בנו יוצא לתרבות רעה. וכשיצחק אבינו ביקש שיהיו לו בנים, ידעו בשמים שעל ידי זה יתקצרו ה' שנים משנותיו של אברהם אבינו, ולכן לא נתקבלה בקשתו מתחלה. אולם אף על פי כן כאשר בקע רקיעים בתפלתו, נתפצר ונתפייס ונתפתה לו השי"ת.], וואס ער האט געזאגט, אז עס איז אויך ארויסגעקומען א טובה פון דעם וואס עס איז נתקצר געווארן פון אברהם אבינו פינף יאר. ווייל עס שטייט אין ירושלמי (ברכות ה.), אז צווישן שמים וארץ איז א מהלך פון פינף הונדערט יאר, אקעגן די שנות האבות (שחיו תק"ב שנה, כך יש בין הארץ לרקיע מהלך ת"ק שנה, שהם תק"ב עם סומכא דארעא וסומכא דרקיעא), און אז אברהם אבינו'ס יארן זענען נתקצר געווארן, האט עס נענטער געמאכט די שמים צום ארץ. און וואס איז די תועלת אז עס האט נענטער געמאכט. אז וואס עס דארף זיין פורחות לעילא, קומט אן אביסל פריער. עס איז א שיינער געדאנק.

איך האב געטראכט צווי זאכען דערין. אז עס איז נישט נאר אז עס איז פורחות לעילא, נאר אז די קדושה איז נאנטער צו די וועלט, איז לייכטער. מען זעהט אויך אין בית המקדש, אז ווער עס איז געווען נאנטער צום קדשי קדשים, האט אלץ געהאט א גרעסערע קדושה, דער היכל און אזוי ווייטער, די עשר קדושות.

מען זעהט ביי יעקב אבינו, אז עס איז אים אויך נתחסר געווארן דריי און דרייסיג יאר, ער האט אויך געדארפט לעבן הונדערט און אכציג יאר. דאס איז נתחסר געווארן ווייל ער האט געזאגט (בראשית מז-ט) מעט ורעים היו ימי שני חיי. מעט ורעים היו ימי שני חיי האט אויך געהאט א מליצה אין זיך, אז עס איז שווער די לעבן פון א מענטש, און עס האט נאנטער געברענגט די הימל צו די ערד מיט נאך דריי און דרייסיג יאר, אז עס זאל קענען זיין נאך גרינגער פורחות לעילא. סיי פון אברהם און סיי פון יעקב. יצחק איז מדת הדין, איז עס געבליבן אזוי ווי עס איז.

רש"י (בראשית כה-כא) זאגט, ויעתר לו ה', ולא לה, ווייל עס איז אינו דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק. געוועהנליך טייטשט מען, אז עס גייט ארויף אויף רבקה. רבקה איז דאך געווען א 'צדיקת', און דער לשון איז 'צדיק' בן רשע. נאר אזוי ווי יצחק האט מתפלל געווען אז ער זאל האבן ווי פריער קינדער, האט אברהם מתפלל געווען אז זיי זאלן האבן ווי שפעטער, ווייל זיינע יארן זענען געווען תלוי אין דעם. האבן זיך ארומגעשלאגן די תפלות פון יצחק, מיט די תפלות פון אברהם בן רשע. אינו דומה תפלת יצחק וואס איז געווען א צדיק בן צדיק, צו די תפלה פון אברהם וואס איז געווען א צדיק בן רשע. יצחק'ס תפלה איז מער נתקבל געווארן פון אברהם'ס.

**הגר"ש:** אויב מען מעג פאררעכטען וואס דער רב האט געזאגט?

**רבינו:** מען דארף פאררעכטען.

**הגר"ש:** לויט דעם רב'ס פשט איז שווער, וואס איז דער ויעתר לו ה', לו ולא 'לה'. עס וואלט געדארפט שטיין לו ולא 'לו'. ברשות דעם רב וואלט איך פאראכטען, אברהם האט טאקע נישט געוואוסט, מען האט אים נישט געקענט אויסזאגען, אז מען גייט מקצר זיין צוליב עשו, ער האט דאך נישט געמעגט וויסען אז עשו איז א רשע. אבער שרה איז דאך געווען א גדולה בנבואה, און זי האט געזעהן ווען זי האט נאך געלעבט, אז מען גייט צונעמען פון איר מאן פינף יאר. זי איז אויך געווען א בת רשע, זי איז געווען בת נחור. ויעתר לו ולא 'לה', וואס שרה האט געבעטען אויף די אריכת ימים פון אברהם. ווייל אינו דומה ... אויב דער רב איז מסכים.

מיר זענען דאך פוילישע מוז מען אזוי... יעדע מענטש האט זיך זיין טבע.

**רבינו:** די שאלה איז וואס משה רבינו איז געווען, א פויליש'ער צו נישט.

**הגר"ש:** יעדער איינער זאגט כאומתו, אתפשטותא דמשה בכל דרא ובכל נפשא. ביי א פויליש'ער איז ער א פויליש'ער, און ביי א אנדערן אנדערש, יעדער איינער לויט זיין...

**רבינו:** כל אחד נדמה לו כבני אומתו (מגילה יג.).

**והמשיך רבינו:** איך האב געזעהן אויך דארט אינעם 'בנאות דשא', אז דער **חפץ חיים** האט געזאגט, אז אין איין מינוט קען מען האבן צוויי הונדערט דיבורים פון תורה. און די שאלה איז וואס טוהט זיך אויב מען לערנט בעיון.

**הגר"ש:** האט מען געענטפערט אז עס א גרעסערער מלאך. אסאך קליינע מלאכים איז דא פון בקיאות, אבער פון עיון קומט ארויס איין גרויסער מלאך, וואס שלינגט זיי איין. עס איז געווען אין ירושלים **רבי דוד בהר"ן**, ער האט אזוי געזאגט.

**רבינו:** איך האב געטראכט, אז אין הרהור קען א מענטש טראכטען מער פון צוויי הונדערט ווערטער.

**הגר"ש:** מחשבה איז שנעלער פונעם דיבור, מען קען איבער'חזר'ן א בלאט גמרא אין א סעקונדע'לע.

**רבינו:** קומט אויס אדרבה אז דער וואס לערנט בעיון האט מער מלאכים ווי דער וואס לערנט בקיאות.

**הגר"ש:** עס לויפט אדורך אסאך מער תורה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**הגר"ש:** אין **באר היטב** (עיין סימן קס"ז סעיף יד) שטייט, אז דער בעל הבית [מברך קודם]. דא איז א רב, מיט א בעל הבית, מיט א זקן, לויט אלע טעמים.

**רבינו:** איך געב איבער פארן ראש ישיבה דער בעל בתי'שקייט אויך.

**הגר"ש:** אזא טייערע שטוב...

**ואיחל הגר"ש:** לחיים, דער רב זאל מאריך ימים זיין, און מרבה זיין תורה כחפצו, געזונטערהייט און לייכטערהייט.

**רבינו:** עס איז ביי מיר זייער חשוב די ברכה. איך וועל זאגן א ברכת הדיוט, דער ראש ישיבה זאל האבן אסאך הצלחה אי"ה, און קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת והרחבת הדעת פון אלע תלמידים.

**הגר"ש:** אמן, יישר כח.

**רבינו שליט"א נתן לו ספרו שמן ראש על סדר בראשית וחנוכה, ואמר:** איך בין מכבד מיט א ספר, אין כבוד אלא תורה (אבות ו-ג).

**הגר"ש בצחות:** איך האב גארנישט באצאהלט. ווייל עס איז נישט דא דא דער ענין פון געבן פאר א אדם חשוב וואס עס הייסט א קבלת מתנה [להנותן, עיין קידושין ז.], איך האב עס באקומען במתנה גמורה.

**וליוהו רבינו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום.**

*

כמו כן הגיע הרה"ג **רבי יוסף משה דוב הלברשטאם שליט"א** רב דחסידי צאנז בארה"ב (בן כ"ק האדמו"ר מצאנז שליט"א) לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** עס האט געהייסען אז מען קומט אהער וואוינען?

**הגרימ"ד:** נאכנישט וואוינען, קודם האט מיר דער טאטע געשטעלט אז איך זאל זיין דא דער רב אויף אלע קהלות אין אמעריקא. איך האב אן אמעריקאנער פאספארט, איך בין געבוירען אין אמעריקא.

**רבינו:** דער טאטע האט געוואוינט דעמאלטס אין יוניאן סיטי?

**הגרימ"ד:** יא. זרוק חוטרא לאירא [אעיקריה קאי, (ב"ר נג-כ)], דער **קדושת לוי** (פ' ויצא) זאגט, פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה, אז מען האט מיטגענומען מיט זיך קדושת ארץ ישראל, פראבירט מען ...

**רבינו:** יא עס איז דא א ברייט פעלד דא וואס מען קען אויפטון. ב"ה עס איז דא א שיינער קיבוץ פון חסידישע יודען, א שיינער ציבור פון בני תורה, וואס באלאנגען קיין צאנז, און זיי דארפן האבן איינעם וואס זאל זיין בראש. דער זיידע (**הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**) האט אריינגעלייגט אסאך כוחות דערין, און יעצט זעהט מען די פירות.

**הגרימ"ד:** איך האב נעכטען געזאגט, מה' מצעדי גבר, דא האט זיך אלעס אנגעהויבן. פאר ארץ ישראל איז דער זיידע געווען אין וויליאמסבורג. בארץ לא זרועה, מיט א מסירת נפש. מיר זענען שוין געבוירן אויפן בארג.

**רבינו:** איך גערענק נאך יענע יארן.

**הגרימ"ד:** שפעטער האט דער זיידע איבערגעלאזט קרית צאנז, און ער איז געקומען קיין אמעריקא, עס איז געווען א זאך וואס מען האט נישט פארשטאנען פארוואס, זעהט אויס אז עפעס האט ער צוגעגרייט.

**רבינו:** אז דער יסוד איז דא, קען מען שוין גרינגער בויען.

**הגרימ"ד:** עס איז דא חשובע יונגעלייט (מחסידי צאנז) וואס לערנען דא אין כולל.

**רבינו פנה לאברכים שנכחו שם:** עטץ קענטס צוריקגיין, איך האלט ענק נישט אויף. עס איז חשוב אז עטץ זענטס דא, אבער...

**הגרימ"ד:** מען פילט א הכרת הטוב.

**רבינו:** אין אמעריקא צו האלטן א מקום תורה איז שווערער ווי אין ארץ ישראל.

**הגרימ"ד:** די לופט איז אנדערש. אז מען איז דא, דארף מען ארבעטן אזוי ווי מען האט אונז אראפגעשטעלט דא. אין יעדן מקום פארלאנגט מען עפעס אנדערש.

**רבינו:** לפום צערא אגרא (אבות ה-כג).

**הגרימ"ד:** די ישיבות אויך. אין קרית צאנז צו האלטען א ישיבה איז נישט קיין גרויסע חכמה, עס איז

פארמאכט. אבער אין די שטעט, ווי עס איז א גרויסע פלאץ, ישיבת כרכים קשה (כתובות קי:), דארט צו האלטן בחורים און יונגעלייט, דאס איז א עבודה.

**רבינו:** איך געדענק נאך דעם זיידען'ס דרשה ווען ער איז אוועקגעפארן פון דא אויף קרית צאנז.

**הגרימ"ד:** תשי"ט. וואו איז געווען די דרשה?

**רבינו:** דא אין בית המדרש אויף ליע עווניו. איך בין געווען ביים טיש פרייטאג צו נאכטס דעם לעצטן שבת. איך בין געווען פאר דעם אויך, אבער דעמאלטס אויך.

**הגרימ"ד:** ווען ער איז ארויסגעפארן, האט דער פליגער געשפעטיגט מיט א טאג, און ער האט נישט געוואלט צוריקגיין אין שטוב.

ער האט עס געהאלטן פאר א גרויסען טאג. עס האט גענומען צוויי טעג, און ער האט געהאט א ספק וועלכע טאג ער דארף האלטן, צו דער טאג וואס מען פארט אוועק פון חוץ לארץ, צו דעם טאג וואס מען קומט אן. ווען איז דער עיקר שמחה. צו דער ויצא, צו דער וילך.

דער טאטע (כ"ק האדמו"ר מצאנז שליט"א) ניצט אסאך דעם שמן ראש, ער קוקט אריין דערין ממש כסדר.

**רבינו:** פארדעם איז עס געמאכט געווארן, נישט עס זאל ליגן אין שאנק.

**הגרימ"ד:** מען דארף האבן סייעתא דשמיא מען זאל קענען אלעמאל האבן וואס צו זאגן, און וואס צו רעדן.

**רבינו:** א מאמע וואס זייגט, וואו מער מילך מען נעמט פון איר, האט זי מער. און אז מען נעמט נישט...

**הגרימ"ד:** מען זעהט עס בחוש, אז דער באשעפער גיט אריין די ריכטיגע דיבורים וואס צו זאגען.

**רבינו:** לאדם מערכי לב, ומה' מענה לשון.

**הגרימ"ד:** מען דרוקט עס, און מענטשען קוקן אריין דערין.

**רבינו:** נישט יעדער האט געהאלטן פון דרוקן בחייו, עס האט זיך אבער געטוישט די וועלט מיט אסאך זאכען.

**הגרימ"ד:** דער **צאנזער רב** האט נישט געוואלט מען זאל דרוקן. מען האט עס געדרוקט ממש די לעצטע יאר.

**רבינו:** ער האט עס אליין מסדר געווען.

ביי וועם זענט איר אן איידעם?

**הגרימ"ד:** ביי **רבי אשר לעמבערגער** (זצ"ל אב"ד מאקאווא אלעד), ער איז לעצטענס אוועק.

**רבינו:** איך בין אויך א מאקאווער אייניקל, פונעם **אהבת חיים** (**הגה"ק רבי חיים יהודה דייטש זצ"ל** דומ"ץ מאקאווא).

**הגרימ"ד:** ער איז געווען צוזאמען מיטן אהל משה (**הגה"צ רבי משה פארהאנד זצ"ל** אב"ד מאקאווא)?

**רבינו:** יא. דער זיידע איז געווען צוזאמען מיטן אהל משה, און פאר די קריג איז מיין טאטע ז"ל, מיט רבי משה נתן (ה"ה **הגה"צ רבי משה נתן נטע לעמבערגער זצ"ל** אב"ד מאקאווא בעמח"ס **עטרת משה**), געווען די צוויי דיינים אין שטאט. דער אהל משה איז אוועק ממש פאר די קריג, און ווען מען איז צוריקגעקומען, מאקאווא איז דאך געבליבן (בשנות המלחמה), איז רבי משה נתן געווארן דער רב, און מיין טאטע איז געבליבן דיין. און שפעטער איז ער אוועק אויף סאמבאטהעלי. זיי זענען געווען זייער גוטע חברים.

**רבינו שליט"א התעניין בשלום אביו כ"ק האדמו"ר מצאנז שליט"א**

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מתוך הרחבת הדעת, און הצלחה אין אלע ענינים, מתוך שמחה וטוב לבב.

**רבינו נתן לו ספרו שמן ראש, וליוהו בדרך צאתו**

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **שמואל** נ"ו בן הר"ר **יואל וואלטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישכר דוב ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ט סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז יצחק האט גערופן עשו ער זאל אים ברענגען מטעמים, און ער וועט אים בענטשן. ועתה שא נא כליך תליך וקשתך וצא השדה וצודה לי ציד (בראשית כז-ג). עשו האט נישט געוואוסט וואס מען דארף צו טון ווען מען דארף פאנגען א ציד, אז מען דארף נעמען תליך וקשתך? ער גייט אים יעצט אויסלערנען הלכות

צידה וואס ער האט צו טון? ער איז געווען א איש יודע ציד איש שדה, ער האט גוט געקענט די מלאכה בעסער ווי יצחק. וואס איז דער ועתה שא נא כליך תליך וקשתך, וצא השדה וצודה לי ציד.

**עס** שטייט אין **עבודת ישראל** פונעם **קאזשניצער מגיד**, זאגט ער, אז אין די ווערטער האט ער מרמז געווען דעם שם הוי"ה. וצא השדה 'וצודה', איז דא א איבריגע ו"ה, עס וואלט געקענט שטיין וצד. וצודה לי 'צידה' שטייט אין די תורה מיט א ה"א, עס איז איבריג דער יו"ד מיטן ה"א, ער וואלט געקענט זאגען 'וצד' לי 'צד', ער האט אים מרמז געווען י"ה ו"ה אין די צוויי ווערטער 'וצודה' לי 'צידה'. און ער גיט צו, אז וועגן דעם האט רבקה געזאגט פאר יעקב, איך האב געהערט דיין טאטע האט געזאגט ואברכך 'לפני ה' לפני מותי (שם כז-ז), ער האט דאך נישט געזאגט לפני ה'. נאר מיט דעם וצודה לי ציד, האט ער אים מרמז געווען דעם שם הוי"ה.

**יעקב** קומט אן, און דער פאטער פרעגט אים, מה זה מהרת למצוא בני, זאגט יעקב, כי הקרה ה' אלקיך לפני. זאגט יצחק, גשה נא ואמשך בני, זאגט רש"י, אז יצחק האט געזאגט, מיין זון עשו זאגט נישט כי הקרה ה' אלקיך לפני, עס שטימט עפעס נישט וואס דו זאגסט, לאמיך זעהן צו דו ביסט עס. דער יעקב איז אויך נישט געווען אזא בטלן, און ער האט אויך געוואוסט אז עשו רעדט נישט אזוי, און אז ער האט זיך געוואלט פארשטעלן יעצט פאר עשו, וואלט ער נישט געדארפט זאגן פאר יצחק אזא שפראך וואס עשו רעדט נישט. פארוואס ווען ער האט אים געפרעגט, מה זה מהרת למצוא בני, זאגט יעקב, כי הקרה ה' אלקיך לפני.

**נאכדעם** זעהט מען, אז די בגדי החמודות האט ער איבערגעלאזט ביי די מוטער, און רבקה האט גענומען די בגדי החמודות, און געגעבן פאר יעקב. עס שטייט אין **דעת זקנים לבעלי תוספות** (בפרשתנו), אז די בגדי החמודות האבן געהאט אויף זיך אויסגעצירט אלע חיות, אז די חיות זענען נאנט געקומען ווען מען האט אנגעטון די בגדי החמודות. אז עשו גייט יעצט ארויס פאנגען, דארף ער דאך האבן די בגדי החמודות, עס איז אים דאך אסאך גרינגער צו פאנגען ווען ער האט די בגדי החמודות. פארוואס האט ער עס געלאזט באהאלטן ביי די

מאמע אין שטוב, פארוואס האט ער עס נישט מיטגענומען.

**עס** שטייט אין ספר **המקנה** פונעם **הפלאה** (קידושין פב:), די משנה זאגט, רבי שמעון בן אלעזר אומר, מעולם לא ראיתי אז א בעל חי זאל זיך דארפן פלאגן פאר זיין פרנסה. איך האב נישט געזעהן א צבי קייץ, א ארי זאל זיין א סבל, דארפן שלעפן פעקלעך. איך האב נישט געזעהן א שועל זאל זיין א חנוני, והם מתפרנסים שלא בצער. והם לא נבראו אלא לשמשני, זיי אלע האט דער אייבערשטער באשאפן מיך צו באדינען, און פון דעסטוועגן דאך זענען זיי זיך מתפרנס שלא בצער, ואני שנבראתי לשמש את קוני, אינו דין שאתפרנס שלא בצער. ווי אזוי קען זיין אז אלע בעלי חיים וואס זיי זענען באשאפן מיך צו באדינען, זענען זיך מתפרנס שלא בצער, און איך וואס איך דארף באדינען דעם אייבערשטען, איך דארף זיך פלאגן. אלא הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי, מען האט געזינדיגט, איז נגזר געווארן די גזירה פון בזיעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט).

**זאגט** דער הפלאה, עס איז דא פיר בחינות, דומם צומח חי מדבר. דומם איז די נידריגסטע, העכער דעם איז צומח, העכער דעם איז חי, און העכער דעם איז מדבר. יעדע פון די בריאה וויל אלץ נאנטער קומען צו א העכערע מדריגה פון וואס ער איז. דער דומם וויל ווערן א צומח, וועגן דעם גיט ער אריין זיין כח אין די פירות, אז עס זאל וואקסן פון די ערד אלע פירות און גראז, ווייל דער צומח איז חשוב'ער, און אז ער גיט אריין דעם כח אינעם צומח, ווערט דער דומם נתעלה אינעם צומח. דער צומח איז דאך משתוקק צו ווערן א חי, ער קען באשטיין די בהמות זאלן אים אויפעסן, וועט ער ווערן א חלק פון די בהמה, איז ער נתעלה געווארן פון א צומח צו א חי. וואלט דאך געדארפט צו זיין, אז יעדער בעל חי זאל זיך לאזן שחט'ן, ער זאל וועלן צוקומען אז א מענטש זאל אים עסן, כדי דער חי זאל נתעלה ווערן, צו ווערן א מדבר. דער מדבר איז דאך דבוק אינעם אייבערשטען, קומט אויס אז דער חי וועט נתעלה ווערן צו די העכסטע מדריגה. אבער דער חי יאגט זיך נישט אז מען זאל אים שחט'ן, פארוואס.

**זאגט** דער הייליגער הפלאה, ווען א מענטש עסט ערליך, און עס איז אן עבודת ה', וואלט דער בעל חי

משתוקק געווען ער זאל צוקומען כדי ער זאל אים עסן. אבער טאמער מען עסט נישט ערליך, מען עסט לשם תאוה וכדומה, פעלט דאך דער התעלות. דער בעלי חי וועט גארנישט נתעלה ווערן, ווען א מענטש וועט אים עסן לשם תאוה, און אזוי ווי ער ווייסט דאך נישט ווי אזוי דער מענטש וועט עסן, זוכט ער נישט אנצוקומען צום בעל חי, אפשר וועלן זיי נאך קאליע מאכן. א בעל חי זינדיגט נישט, ער איז אזוי ווי ער איז, און אז ער וועט אריינקומען אין א מענטש, און נאכדעם וועט דער מענטש מיט די כוחות גיין טון אן עבירה. דאס איז די סיבה, פארוואס דער חי קומט נישט.

**זאגט** דער הייליגער הפלאה, איך קוק אזוי אן, מעולם לא ראיתי אז א צבי און א ארי זאלן זיך דארפן פלאגן. פארוואס פלאגט ער זיך נישט, ווייל ער באקומט זיין צומח גרינגערהייט צו עסן. פארוואס באקומט ער זיין צומח גרינג צו עסן, ווייל דער צומח וויל נתעלה ווערן. און והם לא נבראו אלא לשמשני, איז דאך אני שנבראתי לשמש את קוני, איז דאך אינו דין שאתפרנס שלא בצער, וואלט דאך דער בעל חי געדארפט משתוקק זיין און צוקומען צו מיר. אלא שהרעותי את מעשי, אפשר וועל איך זיך נישט גוט אויפפירן, וקפחתי את פרנסתי, זוכט זיך נישט דער בעלי חי, ער זאל צוקומען צו מיר.

**מען** געפונט ביי די נביאי הבעל, ווען אליהו האט געברענגט די צוויי פרים, איינס איז געווען פארן אייבערשטען, און איינס פארן בעל (מלכים א יח-כה). שטייט אין מדרש (ילקוט שם ריד), אז דער פר וואס איז אויסגעקליבן געווארן צו גיין מיט אליהו, איז געגאנגען מיט א שמחה, מען גייט מיט אים מקדש זיין שם שמים, מען גייט אים ברענגען פאר א קרבן פארן אייבערשטען. דער פר וואס איז אויסגעקליבן געווארן צו זיין פאר די נביאי הבעל, האט זיך נישט געוואלט רוקן פונעם פלאץ. עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע נביאי הבעל מיט די נביאי אשרה וואס זענען געווען דארטן, קרוב צו טויזענט מענטשן, האבן געשטופט דעם פר, און ער האט זיך נישט געלאזט אוועקרוקן פון דעם פלאץ. אליהו הנביא איז צוגעגאנגען צו אים, און ער האט אים געפרעגט פארוואס גייסטו נישט? זאגט ער, דער צווייטער פר איז מיין צווילינג, ער גייט אז מען זאל אים ברענגען פאר א קרבן פארן אייבערשטען, און מיך שיק'סטו איך זאל גיין דינען עבודה זרה? איך וויל נישט. האט אים אליהו הנביא געזאגט, גיי, ווייל עס וועט ארויסקומען פון דיר א קידוש שם שמים. אויב אזוי, איז ער געגאנגען. זעהט מען אז א בעל חי זוכט אויך אז עס זאל ארויסקומען פון אים א קידוש שם שמים. אויב עס קומט נישט ארויס א קידוש שם שמים, וויל ער נישט גיין.

**יצחק** האט געוואלט געבן די ברכה פאר עשו, ער האט געהאלטן אז עשו איז אויך ערליך, און עס קומט זיך אים די ברכות. אויף יעקב האט ער דאך נישט מסופק געווען, יעקב איז דאך זיכער ערליך, וואס האט אים איבערגעוואויגן צו געבן פאר עשו מער ווי פאר יעקב? יצחק האט זיך געמאכט א סימן, און ער האט געזאגט אזוי, אין די ברכות וואס איך גיי יעצט בענטשען, איז דאך תלוי גאנץ כלל ישראל. הוי גביר לאחיך, ווער גייט זיין דא אויף די וועלט דער גביר, און ווער וועט זיין דער עבד פאר יענעם. דער אמת איז, אז יודען האבן באקומען די ברכות, מיר זענען העכער פון עשו. האט יצחק געזאגט פאר עשו, געוועגליך נעמסטו אלע כלי זיין צו גיין פאנגען, יעצט נעם נישט מיט גארנישט, נעם נישט דיין כלי זיין. גיי ארויס און זאג, רבונו של עולם, מיין טאטע האט מיך געשיקט, ער וויל מיך בענטשן, און ער דארף האבן מטעמים, איך דארף האבן א בהמה. וועלן מיר זעהן צו עס וועט קומען פון זיך אליין די בהמה, אז דו זאלסט אים קענען שחט'ן. אויב עס וועט קומען פון זיך אליין, וועט ער האבן א סימן מיט דעם, אז די סעודה איז פארן אייבערשטען, די בעלי חי איז משתוקק צו ברענגען די ברכות פארן כלל ישראל. אבער אויב ער וועט נישט קענען טרעפן יעצט קיין בעל חי, איז א סימן אז עס איז נישט באשערט ער זאל עס ברענגען, ווייל נישט פאר אים קומט די ברכות.

**ועתה** שא נא כליך, שא איז טייטש אוועקנעמען, אזוי ווי ישא פרעה את ראשך מעליך (בראשית מ-יט). זאגט ער אים, געוועגליך ווען דו גייסט פאנגען, נעמסטו מיט דיינע בגדי חמודות, דו נעמסט מיט דיין תליך וקשתיך, און אזוי גייסטו פאנגען. 'ועתה', יעצט, 'שא נא', נעם אוועק, 'תליך וקשתך', 'וצא השדה 'וצודה לי ציד', און גיי פאנג מיר. ווי אזוי, מיט דעם שם הוי"ה. זאג, רבונו של עולם, יצחק דארף האבן מטעמים, יעצט גייט זיין די גורל פון די ברכות,

זיי עס אים מזמין. און וועלן מיר זעהן צו עס וועט קומען, צו נישט. האט ער דאך געדארפט פאלגן דעם טאטען, האט ער נישט מיטגענומען די בגדי החמודות, און אויך נישט דעם תליך וקשתיך, ער איז ארויסגעגאנגען, ער גייט מתפלל זיין אזוי ווי דער טאטע האט אים געזאגט.

**עס** האט דאך אבער פאר עשו נישט געוואלט קומען קיין בעלי חי, אז ער זאל איבערנעמען די ברכות. האט ער טאקע נישט געטראפן וואס צו ברענגען. ער איז ארויסגעגאנגען, אזוי ווי רש"י (כז-ה) זאגט, לצוד ציד להביא, אם לא ימצא, אויב ער וועט נישט טרעפן קיין ציד, וועט ער ברענגען מן הגזל (ב"ר סה-יג). וואס איז טייטש אז ער וועט נישט טרעפן קיין ציד, ער איז דאך א איש יודע ציד שטענדיג. אבער דא גייט ער דאך ארויס אן קיין כלים, און אן קיין כלים וועט ער נישט קענען טרעפן, ממילא האט ער געזאגט וועל איך ברענגען מן הגזל. און אזוי איז טאקע געווען, אז עס האט אים גענומען א לאנגע צייט ביז ער איז אנגעקומען, ער האט דאך נישט געהאט קיין כלי זיין, אז ער זאל קענען ברענגען.

**יעקב** קומט אן צו יצחק, און יצחק פרעגט אים, מה זה מהרת למצוא בני, זאגט אים יעקב, ווייל איך האב געטון אזוי ווי דו האסט געזאגט, כי הקרה ה' אלקיך לפני, דו האסט דאך מיר געזאגט אז דער אייבערשטער וועט מיר צושיקן א בעל חי, ער האט מיר צוגעשיקט. עס איז נישט געווען סתם א תשובה כי הקרה ה' אלקיך לפני, ער האט אים געענטפערט די תשובה וואס עס קומט זיך צו ענטפערן פאר יצחק. ווען יצחק פרעגט אים, מה זה מהרת, זאגט ער אים, איך האב געטון וואס דו האסט מיר געהייסן, איך האב נישט מיטגענומען כליך תליך וקשתך, איך בין ארויסגעגאנגען, און איך האב געזאגט דער אייבערשטער זאל מיר געבן, האט ער מיר געגעבן.

**שפעטער** ווען עשו איז געקומען, האט ער דאך געזעהן אז עשו האט נישט געקענט פאנגען, וועגן דעם איז ער דאך אנגעקומען שפעט, איז אים דעמאלטס נתברר געווארן אז נישט ער דארף האבן די ברכות, נאר יעקב, האט ער געזאגט גם ברוך יהיה (כז-לג), די ברכות זאל בלייבן ביי יעקב.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי שמואל יהודה זילבער שליט"א** (דומ"ץ אמונת ישראל, בן הגה"צ אבד"ק תולדות יהודה סטיטשין שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם יודא גרינפעלד שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי בן ציון ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בן **הרה"ג רבי נפתלי צבי מאסקאוויטש שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש דינוב. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** רב דקהל שערי איש (לעיקוואוד), ודומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **יואל קליינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך הגיע **הגה"צ אב"ד סעליש שליט"א** להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **אברהם יעקב** (אבי) **שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי לעדערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יונתן שמעון ווינקלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו**

**שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר רובין** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ.

אחר כך הגיע **כ"ק האדמו"ר מווערדאן ב"פ שליט"א** להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יצחק גרשון שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם מרדכי הערצאג** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהושע דוד פליישער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **כ"ק האדמו"ר מווערדאן ב"פ שליט"א**, עב"ג בת הרה"ג רבי **משה שמואל ראטטענבערג** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***יום שישי פרשת ויצא***

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **דוד פייג** הי"ו (חתן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** ע"ה).

*

***שבת קודש פרשת ויצא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל בת עין זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ב כסלו). בברכת המזון נתכבד **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שמואל** ני"ו בן הר"ר **יואל וואלטער** הי"ו, חתן הר"ר **ישכר דוב וייס** הי"ו.